שכונת ויואל משה

דיין לאקאלער צירקל

letters@svmkipka.com • 845.682.1282

06

פרשת בהעלותך

Jun. 31 2026









# די קליינע פלאם וואס מאכט ליכטיג א גאנצע וועלט

מרת ל.

פרשת בהעלותך הייבט זיך אן מיט די מצוה פון אנצינדן די מנורה. אהרן הכהן שטייט אין בית המקדש און צינדט אן די ליכט. אבער די תורה זאגט נישט סתם ווען דו צינדסט אן. נאר די הייליגע תורה זאגט די ווארט "בהעלותך" ווען דו הייבסט אויף די ליכט.

אונזערע חכמים לערנען אונז אז אהרן האט געדארפט האלטן די פלאם ביים ליכטל ביז עס ברענט שוין אליין. נישט נאר אנצינדן און אוועקגיין, נארווארטן ביז די פלאם שטייט אליין פעסט.

אוי ווי שטארק רעדט דאס צו אונז אידישע מאמעס!

א מאמע איז דאך אויך א "צינדער". זי צינדט נישט נאר שבת ליכט. זי צינדט נשמות. זי צינדט אריין ווארעמקייט, אמונה, שמחה און בטחון אין אירע קינדער. אבער דאס פאסירט נישט אין איין מינוט. עס דארף אסאך מאל איבערחזר'ן, נאכאמאל זאגן, נאכאמאל מחזק זיין, און נאכאמאל ווייזן א גוטן ביישפיל.

א קינד זאגט נישט אייביג "יישר כח" פאר יעדע זאך וואס מען טוט פאר אים. אסאך מאל זעט אויס ווי די ווערטער פאלן אויף טויבע אויערן. אבער פונקט ווי אהרן הכהן האט געהאלטן די פלאם ביז זי האט זיך אליין געכאפט, אזוי דארף מען ווייטער אנצינדן, ווייטער מחנך זיין, ווייטער געבן ליבשאפט, ביז דער טאג קומט ווען די נשמה ברענט שוין פון זיך אליין.

מען הערט אמאל א מאמע זאגן: "איך ווייס נישט אויב מיינע קינדער באמערקן בכלל וואס איך טו."

אמת'דיג? אפשר נישט היינט. אבער איין טאג וועט דער זון זיך אויפכאפן און זאגן א ווארעם ווארט פאר זיין אייגענע משפחה, ווייל אזוי האט ער געזען אינדערהיים.

איין טאג וועט די טאכטער מאכן שבת מיט דער זעלבער געשמאק וואס זי האט געזען ביי איר מאמע. איין טאג וועלן זיי ווייטער טראגן די ליכט וואס מאמע האט אנגעצינדן יארן פריער.

די גרעסטע זאכן אין לעבן מאכן נישט קיין גרויסן רעש. א פלאם מאכט נישט קיין אלארם. זי ברענט שטיל. אבער זי פארטרייבט פינסטערניש.

אזוי איז אויך מיט די ארבעט פון א אידישע פרוי. אסאך מאל איז עס שטילע ארבעט. קיינער שרייבט נישט רעפארט קארדס ווען זי שטייט אויף אינדערפרי, גרייט עסן, העלפט מיט האום ווארק, הערט אויס א קינד'ס קליינע צרה, אדער שמייכלט ווען זי איז שוין מיד.

אבער דער אייבערשטער זעט שוין יא זייער קלאר, און די ליכט וואס זי צינדט אין שטוב לייכטן ווייטער אסאך ווייטער ווי זי קען זיך אפילו פארשטעלן.


אייער פריינט
תושב השכונה
Unwind in a cozy, soft, spa-ambience where the experience matters as much as the results. Treat yourself, and get treated effectively.
THE FINGERTIPS WAY.
A softer experience. Stronger Results.
At your fingertips.
Fingertips, a trusted name in laser, is proud to bring you a revolutionary laser machine using advanced tech innovation for hair-raising faster results. Featuring contact cooling, an ice-cold glass that touches directly your skin- working simultaneously with the laser, it ensures the maximum comfort of all laser machines in the Tri-state area.
Pessy@PessyFriedman.com
Special Kallah Promotion:
Get a teeth whitening for only $175 with your laser package signup!
Fingertips
With a gentle touch
YACHY FARKAS NYSC
1 BEER SHEVA (SVM)
Famous Flatbush facials- finally local! Selling coordinating products
Highly- effective Teeth whitening
Laser and Electrolysis
BOOK YOUR GLOW-REVEALING APPOINTMENT: CALL 845.782.9224

# שכן צו שכן

איינער האט געפרעגט וועגן די קאליר פון די פעינט אין שכונת ויואל משה.

איך האב נאכגעפרעגט ביי פאלאטשעק, און ער האט מיר געזאגט אז מען קויפט עס נישט אין Home Depot, נאר ביי Benjamin Moore אויף 17M.

פאר די ווענט איז די קאליר-קאוד 857 Fatin, און פאר די Woodwork ניצט מען Semi-Gloss White.

לויט ווי ער האט מיר געזאגט, מיינט ער אז מען קען עס נאר קויפן אין א גרעסערן קאנטעינער און נישט אין א קליינע באטל, אבער עס לוינט זיך צו נאכפרעגן אין געשעפט דערויף.

קודם וויל איך זיך באדאנקען פאר די שיינע און אינהאלטסרייכע אויסגאבע וואס קומט ארויס יעדע וואך און ברענגט אסאך הנאה און תועלת פאר די ליינער.

איך וואלט געוואלט מעורר זיין אויף א קליינע אבער וויכטיגע נקודה. מיר מענער נוצן די מיני-באס, און עס מאכט זיך היבש מאל ווען מען שטייגט ארויף אויף א כמעט ליידיגע באס, זיצט א פרוי אין די ערשטע זיצן ביים פראנט. לכאורה וואלט געווען ראטזאם אז אפילו ווען די באס איז ליידיג אדער כמעט ליידיג, זאלן די פרויען זיך באזעצן מער אין די הינטערשטע חלק זיצן. אזוי ווערט אפגעהיטן א בעסערע אטמאספערע פון צניעות און עס איז באקוועמער פאר אלעמען.

א דאנק פארן ארײנלייגן אויב מעגליך, און ווייטער אסאך הצלחה מיט אייער וויכטיגע ארבעט.

א גרויסן יישר כח פארן ארײנלייגן איבער'ן מנין פון סוף זמן תפילה אינעם ברעסלבער שטיבל. מיר קוקן אויך ארויס צו דאווענען אויך שבת פאר'ן סוף זמן תפילה, וואס די שכר איז זייער גרויס. אבער עס איז אביסל צו פרי, ווייל זיי דאווענען פריער כדי צו קענען דארטן האבן נאך א מנין שפעטער.

הלוואי קען מען עס מסדר זיין אין איינע פון די גרעסערע בתי מדרשים דא אינעם שכונה, ולמצווה גדולה יחשב.

## פידבעק אויף אדווערטייזערס

מיר ווילן זיך אויך באדאנקען פארן אדווערטייזן "נעסטוועל" העלט סענטער. עס איז א שטארקע בענעפיט פאר די קרית יואל'ער תושבים צו האבן אזא היימישן דאקטאר'ס אפיס מיט גאר גוטע סערוויס; מיר האבן טאקע גאר גוטע עקספיריענס מיט זיי.

די איינציגסטע פראבלעם וואס מיר האבן ביי זיי איז, אז ווי באלד מען דארף טאקע כמעט נישט ווארטן אינעם ווייטינג רום, רעדן זיך מיינע קינדער אפ אז זיי וואלטן יא געוואלט עס זאל נעמען לענגער, כדי זיי זאלן זיך קענען ווייטער שפילן מיט די שיינע טויס אויפן וואנט...

אן עקסטערע באנוס האבן מיר געהאט ביי איין באזוך ווען עס איז געווען א געשמאקע וועטער, האבן מיר געכאפט א געשמאקן שפאציר ביים וואסער דארט דערנעבן. עס איז אזוי ווייט געגאנגען, אז מיינע קינדער ווילן שוין נאר גיין צום "דאקטאר ביים וואסער"...

# BABYTIQUE

Where Little Dreams Begin



## Worry less, *love more.*

At BABYTIQUE, we take care of all your baby wardrobe needs so you can take care of your baby.

SPECIAL OFFER

**FREE GIFT**

WITH MINIMUM PURCHASE OF $75

• MENTION THIS AD •

*Because baby's don't wait for business hours.*

**PREMIUM QUALITY & CARE**
Carefully selected essentials.

**THOUGHTFUL GIFTS & HAMPERS**
Beautifully curated with love.

**SEASONAL COLLECTIONS**
Trendy and comfortable for every season.

**NEWBORN TO KIDS APPAREL**
Styles and sizes for every stage.

15 Prag Unit 101 (Basement)

845-544-5666

Sun–Thurs 11–2 and 8–10 pm,
Fri 11–1

# סופר סת"ם

ס"ת, מזוזות, מגילות, קטורת, תפלין, רצועות, בתים

ספעציעלע
סערוויס: אייער
בחור'ל קען מיטהאלטן
די פראצעדור פון
מאכן די תפלין

**יואל מארקאוויטש**

**845-324-0063**

תושב שכונות ויואל משה

# א שאלה צום דיין

געפרעגט דורך תושבי השכונה,
**געענטפערט דורך רבי דוד גרינפעלד שליט"א,**
דומ"ץ ביהמ"ד ישראל שלום בשכונותינו

## שאלה

**ב"ה עס איז דא שמחות, מתפללים ברענגן אין בית המדרש תיקון פאר'ן עולם, שלישי למילה אדער אפשערן. אזוי אויך ווען איינער האט יארצייט.**
**אז מען ברענגט די תיקון אין בית המדרש מיינט עס אז עס נאר פאר מתפללים, אדער מען מעג ארויסטראגן פאר די ב"ב אדער עס הייסט גזילה פון די מתפללים?**

## תשובה

געווענליך ברענגט מען לויט די צאל מתפללים וואס מען ערווארטעט מהנה צו זיין, פונדעסטוועגן וואלט מען נישט מקפיד געווען אויב איינער נעמט דאס אהיים.
עס איז כדאי אראפצוברענגן דאס פאלגענדע, איינער איז אמאל אריבער נאכאמאל נעמען שיריים ביי רביה"ק, אויף די אנפראגע אז ער האט שוין באקומען האט ער געענטפערט אז דאס דארף ער פאר די ב"ב, האט דער רבי געזאגט: פאר די ב"ב זאלסטו אראפנעמען א שטיקל פון דיינס...

## קופקע

אריינצושיקן שאלות לאזט א מעסעדזש
אויף 845.682.1282 אדער שיקט צו
letters@svmkipke.com

## וואך 5

# טונקט איין אין פלאמס און געווינט

## געווינערס פון פר' בהעלותך

$50 גיפט קארטל צו
**Heaven Toast**
קויפמאן 845-xxx-0922

א הערליכע **פלאמס**
**שלש סעודות** פאר דיין
גאנצע בית המדרש
לאנדא 845-xxx-3260
גלאנץ 329-xxx-1448

### צוויי בעסטע פלאמס פראדוקטן פון די וואך



PICKLE DIP
79%

LOX TIDBITS
68%



## פרייזעס
פאר די קומענדיגע וואך פרשת שלח

3 געווינער: א הערליכע
**פלאמס הערינג קידוש**
פאר דיין גאנצע בית המדרש
*ביז 100 מענטשן

# קרית יואל פלאמט און געווינט

רופט די פלאמס האטליין
**845-84FLAUM**
**845-843-5286**

**טונקט. רופט. געווינט.**

1. קויפט, טונקט איין אין צוויי שאכטלעך פלאמס
2. לייגט אוועק די דעקלעך
3. רופט אריין די האטליין אויף **845-843-5286**
4. לאזט אונז הערן אייער צוויי בעסטע שאכטלעך
5. גייט אריין אין די ווערדפולע וועכנטליכע גורל

# ער פרעגט ענטפערס

**ענטפער 3:** איך וועל זאגן מיין מיינונג אפן: עס איז געווארן א נארמאלע זאך דא אין שכונות, אז אפאר מאל א וואך איז דא נאך א קאמפיין, נאך א פרוי וואס גייט ארום פאר א צווייטע ארגאניזאציע. און ווער טראגט דעם עול? נישט די ארגאניזאציע, נאר אונז מענער.

מען נוצט אויס א זאך וואס איז זייער שיין, גוטע שכנים. מען ווייסט אז א פרוי וועט זיך שווער קענען ארויסדרייען ווען א חבר'טע קלינגט אן, שיקט א מעסעדזש, אדער שטעלט זיך אפ אינמיטן גאס מיט א פערזענליכע קאמפיין צעטל. נישט ווייל זי וויל געבן, נאר ווייל זי וויל נישט זיין די איינציגע וואס האט געזאגט "ניין". דאס הייסט נישט צדקה. דאס הייסט עובר זיין אויף ואהבת לרעך כמוך.

די גרעסטע איראניע איז זייער אפען מיטצוהאלטן. אז אסאך מאל זענען די מענטשן וואס מען גייט צו בעטן געלט, זעלבסט מענטשן וואס מוטשען זיך צו דעקן זייערע אייגענע הוצאות. אבער ווייל זיי ווילן נישט זיין אומבאקוועם, אדער ווייל זיי ווילן האלטן גוטע רילעישנשיפ, גיבן זיי נאכאמאל און נאכאמאל. ווען פאר די גראסערי אדער אנדער וויכטיגע ביללס איז קוים דא צו באצאלן.

עס דערמאנט מיר פון די מאדנע סצענעס וואס מען זעט ביי חתונות. א מחותן האט איבערגעדרייט וועלטן צו קענען חתונה מאכן. מענטשן האבן אים געהאלפן צוזאמנעמען געלט. עס איז געווען קאמפיינס פשוט ווי רוב חתונות דא אין קרית יואל, אבער יעצט ביי די חתונה קומט מען צום מחותן אליין נאך געלט אין די מאסן. עס איז גאר קאמיש דאס צו זען: האט מען דען נישט יעצט געהאלפן דעם מענטש ווייל ער האט נישט געהאט? ווי אזוי איז ער פלוצלינג געווארן דער אדרעס פאר געלט?

איך בין נישט קעגן צדקה. קיינער איז נישט קעגן צדקה. אידן זענען רחמנים בני רחמנים און געבן ברוך השם אסאך צדקה. אבער עס איז דא א גרויסער חילוק צווישן בעטן און אויסנוצן. צווישן מזכה זיין מענטשן מיט א מצוה און אריינשטעלן מענטשן אין א מצב וואו זיי שפירן אז זיי קענען נישט אפזאגן. א שכן פאר א שכן איז זייער שווער צו זאגן ניין, פונקט ווי א מחותן ביי א חתונה זאגט נישט ניין און טיילט צדקה געלט צוזאמגעשטעלט פאר אים און געט דאס פאר אנדערע, אפילו עס לייגט זיך נישט אויפ'ן שכל.

ווען ארגאניזאציעס בויען זייער גאנצע קאמפיין אויף דעם פאקט אז "א חבר'טע וועט זיך שעמען צו זאגן ניין", איז עס א גרויסע חסרון. און לויט מיין קליינעם פארשטאנד קומט דאס זייער נאנט צו א גדר פון רשעות, ווייל מען נוצט אויס יענעמס גוטסקייט און נעימות פאר א ציל וואס וואלט אפשר נישט מצליח געווען אן דעם דרוק.

חוץ דאס וואס די געלט וואס מען שלעפט ארויס געהערט פאר די מאן, ווען די צדקה גייערס שלעפן ארויס געלט פון איינעם וואס מן התורה איז עס נישט אירס. אפשר זאל טאקע א דיין אדער רב קלאר מאכן איבער דעם ענין.

מיר זוכן נישט חלילה אפצוקילן צדקה. אדרבה גאר פארקערט, צו פארשטערקערן דאס נעמען און געבן צדקה מיט כבוד. א נדבה דארף קומען פון הארץ, נישט פון אומבאקוועמליכקייט.

# אזוי ווי דעם האט עס אויסגעזען?



# אזוי שיין ווערט עס אויסזען!



שיין אויסגלאטן די האר · איבערפרישן די קרוין

פארבן · פרעסן · גלאנצן · און נאך

אייער פריינט
תושב השכונה

## ווערצבערגער
שטריימל סערוויס

מיר וועלן עס אויפפיקן פון אייער טיר און דעליווערן צו אייער טיר

שרגא ווערצבערגער · 347.701.1764 · 11 Austra Pkwy

Radiance

אייער פריינט
תושב השכונה

# Years Of Experience In Laser & Electrolysis.

"We are now offering teeth whitening service"

Now doing
**Day & Night Hours**

Ask for Our
**Specials & Promotions**

Radiance

Rachel Esther Werczberger
11 Austra Pkwy #302
845-782-3727

Laser with double cooling to minimize pain, we guide you when to do laser when to do electrolysis.

בס"ד

יומא טבא לכולהו רבנן!



מיט גרויס פרייד טוען מיר מודיע זיין

פאר אלע חשוב'ע לומדי

## חבורת תורתך שעשועי

משכונת ויואל משה

אז דער געהויבענער און פראכטפולער

# מעמד הסיום

מסכת שבת

יום ה' פ' שלח הבעל"ט

וועט בעזהשי"ת פארקומען אין די פראכטפולע זאלן פון

## The Platinum

**Falkirk Estate**

206 Smith Clove Rd, Central Valley, NY 10917

וואו עס ווערט ערווארטעט א נאכט פון התרוממות כבוד התורה, שמחת התורה, און התחזקות אין לימוד התורה ביתר שאת וביתר עוז.

## הרשמה

אלע משתתפי הסיום ווערן געבעטן זיך פאראויס איינצושרייבן ביי

מו"ה **אברהם יצחק מערץ** הי"ו

מחשובי עסקני שיעור ח"י

במשך די וואך פון פרשת בהעלותך



בס"ד

# יום שכולו שבת!



אלס א טייל פונעם רייכן און געהויבענעם פראגראם, אינעם "יום הסיום" וועט פארקומען א הערליכע

# סדר הלימוד רבתי

וואו מען וועט בעזהשי"ת

## ענדיגן גאנץ מסכת שבת אויפן פלאץ

דורכן צוטיילן די בלעטער צווישן די משתתפים החשובים.

דער סדר הלימוד וועט פארקומען בעפארן גרויסארטיגן מעמד הסיום

## משעה 5:30 ביז 7:30 אווענט

מיט הרחבת הדעת אויף די גרינע שטחים אינעם שויס פון נאטור, בחצר פונעם מאיעסטעטישן קאמפלעקס לארכה ולרחבה.

יעדער וועט קענען אויסוועהלן
**א בלאט אין מסכת שבת**
**אדער א חברותא צוויי בלעטער**
און נעמען א חלק אין דעם כבוד התורה המרומם.

די הרשמה און צוטיילונג פון די בלעטער וועט פארקומען במשך די וואך פון פרשת בהעלותך, ביי
מו"ה **אברהם יצחק מערץ** הי"ו
מחשובי עסקני שיעור ח"י

הם חיינו
תורתך שעשועי

# זי פרעגט ענטפערס

?



**בלע"ה אונזער געגנט שפרודלט מיט טויזנטער אידישע קינדער וואס פילן אן די גאסן יעדן נאכמיטאג אין די זומער וואכן זיך צו שפילן. וואס איז אייער מיינונג, ביז וועלכע צייט מעגן קינדער בלייבן שפילן אינדרויסן אויף די גאס? ווענדט עס זיך אין דעם ווען עס ווערט טונקל, אדער דארף זיין א באשטימטע צייט אויפ'ן זייגער ווען די גאסן דארפן ווערן ליידיג פון קינדער?**

**ענטפער 2 :**

פארגאנגענע וואך האט איינער געענטפערט אז יעדע שטוב האט אירע אייגענע כללים, איר סדר החיים און איר חינוך וועג. מען דארף טאקע נישט פירן א שטוב לויט דעם וואס "יעדער" טוט, און "אז אלע קינדער זענען נאך אינדרויסן" איז נישט קיין סיבה אליין צו טוישן וואס עלטערן האלטן איז ריכטיג פאר זייערע קינדער. אבער איך מיין אז זי האט פארפאסט א נקודה.

אוודאי דארף א טאטע און מאמע קענען שטיין פעסט אויף זייערע החלטות, אבער עס איז אויך אמת אז קינדער וואקסן אויף אין א סביבה, און די סביבה האט א השפעה. ווען רוב קינדער אין א געגנט זענען שוין אינדערהיים, איז עס אסאך גרינגער פאר אנדערע עלטערן אויך דורכצופירן זייערע כללים. און ווען רוב קינדער בלייבן אינדרויסן ביז שפעט, ווערט דער דרוק אויף אנדערע משפחות פיל גרעסער.

קיינער זאגט נישט אז מען דארף נאכמאכן דעם שכן. אבער פונקט ווי מיר פארשטייען אז א גוטע סביבה, קהילה, מוסדות און א געזונטע אטמאספער העלפט יעדן איינעם, קען אויך א געוויסער סדר אין דער געגנט העלפן עלטערן אין זייער שווערע ארבעט פון חינוך.

דערפאר האב איך פארשטאנען די פראגע נישט אלס "וואס טוט יעדער?", נאר אלס "וואס איז א געזונטע נארמאלע צייט פאר קינדער אין אונזער געגנט?" עס איז א גרויסער חילוק. די ערשטע פראגע מאכט די גאס פאר'ן בעל־הבית; די צווייטע פראגע פרובירט צו פארשטיין צי די סביבה העלפט אדער שטערט עלטערן אין די חינוך'דיגע צילן וואס זיי ווילן דערגרייכן.

למעשה וועט יעדע משפחה ווייטער מאכן אירע אייגענע החלטות. אבער עס איז זיכער נישט אפגעפרעגט צו רעדן וועגן דעם און צו פרובירן צו שאפן א צייט וואס מאכט גרינגער, נישט שווערער, פאר עלטערן אויפצוציען קינדער מיט א געזונטן סדר און קלארע גרעניצן.

אייער פריינט
**תושב השכונה**

**SVM SPECIAL! Free ride to studio**
Located in smith gardens

**WARNING: THESE MOMENTS EXPIRE FAST.**

# BECAUSE NEWBORNS DON'T WAIT.



**Preserve it perfect!** Let us gently handle your precious one with professionality and years of experience.

Newborn | Upshern | Family | Studio | Outdoor

Early Season Special
Book now with a freind
**get both $50 off**

MK
Meity Kornbluh
PHOTOGRAPHY

**C. M. Kornbluh** (Polatsek)
Call
Text
**845.604.0036**

# די ראלע פון די איינוואוינער און די באורד אין א קאנדא



ווי מער קאנדא-דעוועלאפמענטס עס ווערן אויפגעבויט ב"ה בלי עין הרע אין אונזער שטעטל קרית יואל, אלס מער ווערט וויכטיג צו פארשטיין ווי אזוי אזא סיסטעם ארבעט. אסאך מענטשן מיינען בטעות אז א קאנדא "באלאנגט" פאר די הנהלה אדער פארן באורד, אבער דער אמת איז אז א קאנדא-דעוועלאפמענט באלאנגט פאר אלע איינוואוינער אינאיינעם. יעדער איינציגע בעל הבית וואס וואוינט דארט איז א שותף אינעם גאנצן פלאץ. די פאבליק שטחים, די גאסן, די שפיל-פלעצער, די פארקינגס, די האלוועיס, און אלע אנדערע חלקים פונעם דעוועלאפמענט זענען א געמיינזאמע שותפות פון אלע איינוואוינער.

די באורד איז קלאר נישט "דער בעל הבית" אויפן פלאץ; די באורד איז דא בעיקר צו העלפן פירן און מסדר זיין די שותפות צווישן די פילע משפחות און פארשידענע מיינונגען וואס וואוינען אינאיינעם. ווייל ווען אסאך מענטשן לעבן צוזאמען אין איין דעוועלאפמענט, האט יעדער איינער זיינע מחשבות, זיינע געברויכן און זיינע מיינונגען. איינער טראכט אזוי און א צווייטער טראכט אנדערש, און דערפאר דארף זיין א מסודר'דיגע וועג וויאזוי צו פירן די ווירטשאפט פונעם פלאץ.

"די באורד" העלפט צוזאמנעמען די שכנים און פירן דעם פלאץ אויף א וועג וואס זאל זיין לטובת הציבור. זיי געבן זיך אפ מיט זאכן וואס באלאנגען צום כלל פונעם דעוועלאפמענט, ווי רייניגונג, אויפהאלטן די "קאממען עריעס" אפרוימען דעם שניי, באלייכטונג, מעינטענענס, זיכערהייט, און אנדערע זאכן וואס העלפן אז דער פלאץ זאל בלייבן שיין און אנגענעם פאר אלע איינוואוינער. אבער די הצלחה פון א קאנדא-דעוועלאפמענט קומט נישט נאר פון די באורד: "די עיקר הצלחה קומט ווען די איינוואוינער שפירן אז דער פלאץ איז זייער אייגענע אחריות". ווען מענטשן גיבן אכטונג אויפן פלאץ, עס צו האלטן ריין, זיך רעכענען מיט די שכנים, און פארשטיין אז מען לעבט אין א שותפות, איז דער גאנצער דעוועלאפמענט פיל מער אנגענעם און געשמאק. אין א גוטע קאנדא-דעוועלאפמענט זענען די באורד און די איינוואוינער נישט צוויי באזונדערע זייטן; אלע זענען שותפים מיט איין ציל: אויפצובויען א שיינע, רואיגע און ווארימע חסידישע סביבה פאר אידישע משפחות. ווען מען ארבעט אינאיינעם מיט פארשטאנד און אחריות, קען מען ב"ה, לעבן גאר פרידליך און רוהיג, ווען אלע שכנים אינעם קאנדא האבן הנאה דערפון.




קארסעיף: 24 שטונדן ארום די זייגער
**845.512.5555**
carsafe

# אינטערוויו מיט Doorfi

*ווי א "ברוך הבא" אויף אלע טירן דא אין די שכונה, זעט מען א קליינע רינדיכיגע בארקאוד סטיקער ארויפגעלייגט בחינם. וואס איז דאס? וואס העלפט דאס? מיר ווייסן אז עס איז א רעוואָלוציע וואס רופט זיך DOORFI, האבן מיר זיך פארבינדן מיט די אנפירער דערפון צו הערן קלארער וואס דאס איז און וועלכע בענעפיטן די אינגאוואינער האבן דערפון.*

**פאר די וואס הערן יעצט צום ערשטן מאל וועגן Doorfi, וואס איז דאס בכלל?**

Doorfi איז א סיסטעם וואס מאכט זיכער אז א דעליווערי פון סיי וועלכע געשעפט אדער פירמע קומט טאקע אן צו די ריכטיגע טיר.

ביז היינט האט א דעליווערי-מענטש באקומען אן אדרעס און א יוניט נומער, און ער האט אליין געמוזט אויספיגערן וואו גענוי ער דארף גיין. אין א געוועגליכן הויז איז דאס נישט קיין גרויסע זאך, אבער אין גרויסע בנינים, ווי דא אין די שכונה פון ויואל משה מיט צענדליגער דירות וואו עס זענען דא אסאך ענליכע אריינגענג, איז דאס שוין א גאנץ אנדערע מעשה.

Doorfi קלעבט א קליינע סטיקער נעבן די טיר מיט א בארקאוד דערויף. ווען דער דרייווער קומט אן, דארף ער דאס סקענען; אויב ער שטייט ביים ריכטיגן פלאץ, קען ער גיין ווייטער, אויב נישט, זאגט אים די סיסטעם גלייך אז ער איז נישט ביי די ריכטיגע טיר און צו וועלכע טיר ער זאל יא גיין. בקיצור, אנשטאט האפן אז דאס פעקל וועט אנקומען וואו עס דארף, ווייסט מען שוין זיכער אז עס איז ב"ה אנגעקומען.

**וואס האט אייך געברענגט צו צושטעלן אזא סארט סערוויס?**

מיר האבן געהערט פון עטליכע פירמעס וואס שטעלט צו טעלעפאן סערוויסעס פאר גראסערים, פיש סטארס, פארמאסיס וכדו'. מען באשטעלט דאך היינט כמעט אלעס דורכ'ן טעלעפאן.

אבער די לעצטע פאר סעקונדעס פונעם גאנצן פראצעדור, שוין נאכן נעמען די ארדער, עס צוזאמשטעלן, באצאלן, און ארויסשיקן צו דעליווערן – ווען דער דרייווער דארף טרעפן די ריכטיגע טיר – דארט זענען געשען די מערסטע טעותים, ספעציעל דא אין קרית יואל ווי די יוניט נומערן זענען קאמפליצירט.

איינער טרעפט זיין גראסערי ביים שכן, א צווייטער זוכט א פעקל איבערן גאנצן בנין, און א דריטערווארט אויף א וויכטיגע מעדעצין וואס ליגט צוויי שטאקן העכער, אסאך מאל איז קיינער נישט שולדיג; דער דרייווער האט באמת געמיינט אז ער איז אינעם ריכטיגן פלאץ, נאר ער האט פשוט נישט געהאט קיין וועג צו וויסן זיכער, אפילו די עקזעסטירענדע דעליווערי סיסטעמס האט געהאט די אפציע פון מאכן א בילד, האט עס נישט צופיל געהאלפן אין קרית יואל ווען פילע הייזער זעען אויס די זעלבע.

מיר האבן געזען אז אויב מ'קען לייזן דעם איין פראבלעם, קען מען שפארן א געוואלד מיט עגמת נפש אין שאדן פאר טויזנטער מענטשן. דאן איז Doorfi געמאכט געווארן, און מיר ◀


אייער פריינט
תושב השכונה
W
WILLOW
DOULA CARE
Compassionate support throughout your journey.
A SPECIAL GIFT
for every client
GIRLS:
Complimentary
Ear Piercing
BOYS:
A Beautiful
Welcome Gift
MEDICAID
APPROVED
NEW
OTHER MAJOR
INSURANCES
COMING SOON
SERVING MONROE & MONSEY
AND SURROUNDING AREAS
SAVE OUR NUMBER
We're here when you need us.
845-324-3668


BRAND NEW
DOONA X &
BUGABOO CUB
€ 699
APPROX $ 799
DELIVERED TO YOUR DOOR
FULLY RECLINABLE
€ 899
APPROX $ 999
NEW
Call or text anytime
845-376-4950
אייער פריינט
תושב השכונה
BUNDLE DEALS
Bugaboo Foot muff,
Seat liner & Organiser
(All Incl.)
$199
FREE DELIVERY
EXCLUSIVE FROM EUROPE
LIMITED STOCK
Lucky Baby

האבן צוזאמגעשטעלט אונזער סיסטעם מיטן אלגעמיינע דעליווערי סיסטעמס אזוי אז די געשעפטן קענען עס זייער גרינג און באקוועם נוצן און פארמיידן די טעותים.

**וואס זענען די גרעסטע בענעפיטן וואס איר זעט שוין זינט עס איז אין דינסט?**

דער ערשטער בענעפיט איז פשוט: 0 טעותים ב"ה. אמאל האט מען זיך פארלאזט אויף מזל אז די ארדערס זאלן אנקומען צום ריכטיגן קאסטומער, אבער היינט פארלאזט מען זיך אויף א פארגעשריטענעם סיסטעם.

די Doorfi סיסטעם לאזט נישט דעם דרייווער ענדיגן די דעליווערי ביז עס באשטעטיגט 100% אז ער שטייט ביים ריכטיגן פלאץ. אויסער דעם, מוז ער אויך כאפן א בילד פונעם פלאץ וואו ער האט איבערגעלאזט דעם ארדער, און די סטאר אייגנטומער שפארן פיל צייט און געלט פון פארלוירענע ארדערס.

אבער איך מיין אז דער גרעסטער בענעפיט איז בכלל די רואיגקייט וואס מענטשן באקומען. ווער עס האט שוין אמאל געמאכט א גרויסע גראסערי ארדער פאר שבת און נאך עטליכע שעה באמערקט אז עס איז נישטא, ווייסט פונקטליך פון וואס מען רעדט, דעמאלטס הייבט זיך אן די רונדע פון טעלעפאן קאללס: אפשר איז עס ביים שכן? אפשר אויפ'ן אנדערן שטאק? אפשר ביים צווייטן אריינגאנג? און ווען מטרעפט עס שוין צומאל איז שוין קאליע געגאנגען עטליכע פראדוקטן, צו פיש/פלייש ליגענדיג עטליכע שעה ווארטענדיג עס זאל זיך אפזוכן, מיט Doorfi ווערן ב"ה די אלע מעשיות פארמיטן נאך איידער זיי הייבן זיך בכלל אן.

**האט איר סוקסעס געשיכטעס וואס איר קענט מיטיילן?**

מיר האבן יעדן טאג סוקסעס געשיכטעס... פשוט ווייל ווען א דרייווער קומט אן צו אן אומריכטיגן טיר און די סיסטעם שיקט אים ווייטער צום ריכטיגן פלאץ, ווייסט דער קאסטומער בכלל נישט אז עס איז געווען א טעות. ווען א וויכטיגע מעדעצין וואס וואלט געקענט ליגן ביים שכן קומט אנשטאט דעם צום ריכטיגן טיר, ווערט עס קיינמאל נישט קיין "מעשה".

די אמת'ע הצלחה פון Doorfi איז נישט נאר וואס עס פאררעכט, נאר וויפיל פראבלעמען עס פארמיידט.

ב"ה טויזענטער טירן אין קרית יואל פארמאגן שוין די סטיקערס און מער און מער געשעפטן נוצן שוין סוקסעספול דעם סיסטעם, פאר סיי וועלכע פראגע אדער צו באשטעלן דעם סטיקער רופט דורפיי אויף: 845.204.3670



*WE'RE HERE TO LISTEN. WE'RE HERE TO IMPROVE.*

# מיר ווילן הערן פידבעק!



מיר קוקן ארויס צו הערן אייער קאמענטארן פידבעק 845-782-4000 #8

**Nestwell** Family Health

745 RT 17M #103
MONROE NY 10950
845.782.4000
NESTWELLHEALTH.ORG

*Primary Care*
*Acute Care*
*Specialty Care*

exotic • team

בס"ד


Congregation
BEIS MENACHEM ZEV
Kiryas Yoel
of Kehal Yetev Lev



ביהמ"ד דקהל ישב לב דסאטמאר
בית מנחם זאב
קרית יואל יצ"ו

9 Austra Pkwy. unit 001, Palm Tree NY | Tel. 845.774.4040 #220


# קול רנה וישועה באהלי צדיקים

באותות כבוד נרים ונישא קולינו, בברכה לשגר בזה ברכת מזלא טבא, אמירא דכוותא, שבח דא שירתא, וברכותינו יעלו על ראש משביר, אל מול פני הרב הגאון מורה ודאין, האי מעוז ומגדל, דורש טוב לעמו, ודובר שלום להגביר פעלים באמנה, המאור הגדול לממשלת התורה והיראה, מורה מוריט המאיר פנים לכל אחד בהלכה ובסבר פנים, דברי פי חכם חן שפתים ישק, מזה בן מזה, פאר מקדושים

כבוד שמו תפארתו ה"ה

# הרה"ג רב דבית מדרשינו שליט"א

לדגל השמחה במעננו, כאשר בית צדיקים יעמוד,
בעת אשר שורה בביתו שמחה ואורה

## בשמחת הולדות בתו למזל טוב

## וצדיקים ישמחו יעלצו לפני אלקים וישישו בשמחה

עטרת זקנים בני בנים, ותפארת בנים אבותם, ברכת מזל טוב לכבוד

## הגה"צ רב דביהמ"ד אבני צדק שליט"א

ויהא רעווא מן קדם שמיא שיזכה לרוות מהם ומכל יוצ"ח רק תענוג ונחת, ולהמשיך בהרבצת התורה מתוך אושר ועושר בבריאות השלימות כל הימים, עדי נושע בביאת ינון בבנין בית עולמים.

והברכה אחת הוא אל מול פני הקודש, רבה דעמיה, מדברנא דאומתיה, בוצינא דנהורא, אבינו רועינו, מאיר דרכינו, ומשובב נתיבותינו, מדריכנו בדרכי אלקינו, אשר נשיא אלוקים בתוכינו, ראש בית אב עטרת ראשינו ותפארתינו

## הוד כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

ובשם כל קהלה קדישא הדין, נביע ארשת שפתינו במיטב ברכותינו ואיחולינו החמות והלבביות, שיהא רעווא מן שמיא שירבה שמחות לרוב, וכל הברכות לטוב, ויזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח על שלשים ורבעים, ועוד רבות בשנים, דשנים ורעננים, ינהלנו וידריכנו במעגלי צדק, מתוך נחת ושמחה ובריאות גופא ונהורא מעליא, עדי נזכה למשיח בב"א

בעתירת וברכת המברכים בשמחה וחדוה ובהדרת קודש

**הנהלת בית המדרש**


אייער פריינט
תושב השכונה
CLASS OF ELEGANCE
GIFT HER FROM OUR HUGE VARIETY OF JEWELRY FOR ALL AGES
Special discount for SVM residents by mentioning this Ad
ELEGANT
HOME & GIFTS
845.783.2250
52 BAKERTOWN RD. SUITE 208
SALES@ELEGANTHOMEGIFTS.COM
MANY NEW PIECES ARRIVING DAILY

# קלאסיפיידס

"Please note Corrected Number"

Reflexology for all ages.
Located here in SVM.

**845-782-8463**

LOST SCOOTER AND BIKE, IF FOUND, PLEASE BE SO KIND AND CALL THE NUMBER ON THE BIKE.

845-604-1986

**Brody's Appliance Repair**




Expert Repairs, Fast Service

Call text or WhatsApp
**845 587-0861**

## א משפחה שמחה דא אין געגענט?

א אויסגערישטע דירה מיט 5-6 בעטן צו פארדינגען אינמיטן די שכונה. טאג/וואך, אויך א 1 רום נאר צום שלאפן.

**917-613-6622**

Faigy Deutsch
portrait photographer

347-587-0839
visit Faigydeutsch.com



**שרייי נישט עי. ווייין נישט איי.**

**קויף א פאון וואס בלאקירט צוטריט צו עי-איי**

קומט אריבער צו דיימאנט טעלעקאם

diamant® telecom
1 Maglenitz St. 347.388.7467


EXPANDED
SERVICES
Open Late
Hours
Every Day
Phone
Orders
Fast
Delivery
Breakfast,
Lunch & Dinner
gesheft
33 Dinev Rd
845.244.9666
orders@gesheftkosher.com
www.gesheftkosher.com

CRAFTED FOR LIFE



MODTRIM
INTERIORS

# REDEEM YOUR SPACE

PREMIUM QUALITY & DURABILITY

WE CUSTOMIZE TO ANY ROOM SIZE

STARTING AT $754 PER SECTION

Give your dining / Sefarim room a modern and budget-friendly makeover with Modtrim's high-quality, customizable and convenient open shelves.

Ideal & Trendy for
SUMMER HOMES

Call · Text · WhatsApp
848-223-2992

Website
MODTRIM.COM

Email Address
SALES@MODTRIM.COM

^ friedcomedia.com

בקיצור, א קאר סערוויס פאר פעקלעך.

**845.666.8455**

swifly
On Demand Messenger